**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע דעקלערנדיג 2024 'מעיפל וויקענדס' אין ניו יארק סטעיט**

***מוטיגט ניו יארקער צו שטיצן לאקאלע פראדוצירער דורכן באזוכן לאקאלע צוקער הייזער, פארשטערקערנדיג אינדוסטריע און לאקאלע אגריקולטורישע טוריזם***

***ניו יארק איז אין צווייטע פלאץ אין דאס לאנד מיט מעיפל פראדוקציע; האט די גרעסטע מקור פון מעיפל בוימער וואס קענען אויסגעצאפט ווערן אין די פאראייניגטע שטאטן און 2,000 מעיפל צוקער פראדוצירער***

***בילדער פון גאווערנער האקול באזוכנדיג Peaceful Valley Maple Farms דורכאויס מעיפל וויקענד פארעפנטליכט [דא](); לייענט פראקלאמאציע [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע דעקלערנדיג מערץ 16-17 און מערץ 23-24 אלס ניו יארק סטעיט'ס 2024 'מעיפל וויקענדס' (סוף וואכן). די גאווערנאר האט אויך ארויסגעהויבן אז ניו יארקע מעיפל פראדוצירער זענען פאר צו זיין די צווייט-העכסטע אין די גאנצע לאנד מיט מעיפל פראדוקציע, מיט נאענט צו 2,000 מעיפל צוקער פראדוצירער זיך געפונענדיג אריבער די סטעיט. אין צוגאב איז ניו יארק א היים צו די גרעסטע צאל פון מעיפל בוימער וואס קענען אויסגעצאפט ווערן. גאווערנער האקול האט זיך באטייליגט אין א ניו יארק סטעיט מעיפל וויקענד דורכן באזוכן ביי Peaceful Valley Maple Farms אין דזשאָנסטאון, ניו יארק.

"עס איז נישטא עפעס זיסער ווי אנערקענען די שווערע ארבעט פון אונזערע מעיפל פראדוצירער דורכן באזוכן איינס פון די הונדערטע מעיפל פארמס וואס זענען אפן אויף די מעיפל וויקענדס און דורכאויס דעם חודש מערץ", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק'ס מעיפל אינדוסטריע איז א באדייטנדע ביישטייערער צו אונזער עקאנאמיע און צו אונזער אגריקולטורישע טוריזם אינדוסטריע. אונזערע פראדוצירער ארבעטן שווער יעדעס יאר אונז צו ברענגען א פארשידנארטיגע רייע פון מעיפל פראדוקטן, און איך מוטיג אלע ניו יארקער צו באזוכן זייער לאקאלע 'צוקער הויז' צו לערנען מער איבער די מעיפל סירופ פראדוקציע פראצעדור און צו שטיצן זייערע לאקאלע פארמס."

אין 2023 האט ניו יארק סטעיט פראדוצירט 750,000 גאלאנען פון מעיפל און ניו יארק'ס מעיפל אינדוסטריע האט גענוצט 2.5 מיליאן 'קראנען' צו ארויסצאפן זאפט. די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets) שטיצט די מעיפל אינדוסטריע דורך די ניו יארק סטעיט בודזשעט – וואס רעכנט אריין פינאנצירונג פאר אדווערטייזמענט און חינוך'דיגע פראגראמען – און אזוי אויך דורך אינוועסטירונגען אין פארשונג פראיעקטן, ווי צום ביישפיל קארנעל אוניווערסיטעט'ס מעיפל פראגראם'ס Arnot Teaching Forest און דורך איר NYS-געוואקסן

און סערטיפייד (NYS Grown & Certified) און Taste NY (זייט טועם - ניו יארק) מארקעטינג פראגראמען.

**<u>מעיפל וויקענדס און מעיפל חודש</u>**
דורכאויס דעם חודש מערץ יעדעס יאר, און באזונדערס אין די מעיפל וויקענדס, עפענען מעיפל פארמס אריבער די סטעיט זייערע טויערן פאר די פובליקום צו גיבן א טשאנס צו טועם זיין ריינע מעיפל סירופ גראד פון די מקור, און צו האבן די ערפארונג פון די אייגנארטיגע פאמיליע טראדיציע פון מאכן מעיפל סירופ אין ניו יארק סטעיט. פראדוצירער, אריינרעכענענדיג פילע פון די וועלכע זענען NYS געוואקסן און סערטיפייד, אפפערן טורס און פענקעיק פרישטאגס, פארקויפן מעיפל פראדוקטן און ווייזן די סירופ-פראדוקציע פראצעדור וואס רעכנט אריין די טראדיציאנאלע סיסטעם פון אויפהענגן עמערס אויף ביימער אדער מער מאדערנע שיטות פון פראדוקציע וועלכע נוצן וואקום סיסטעמען צו ארויסזאפן מער זאפט פון יעדע בוים. מעיפל וויקענדס אין 2024 קומען פאר ביי כמעט 200 מעיפל צוקער פראדוצירער'ס פארמס, פארשטערקערנדיג אגריקולטורישע טוריזם אריבער ניו יארק סטעיט. א ליסטע וואס קען דורכגעזוכט ווערן מיט מעיפל וויקענד געשעענישן איז פארעפנטליכט [דא](#).

מער פון 90 מעיפל פראדוצירער באטייליגן זיך אין 'NYS-געוואקסן און סערטיפייד', וואס גיבט א באשטעטיגונג פאר ניו יארק'ס אגריקולטורישע פראדוצירער און פלאנצער וואס האלטן זיך צו עסנווארג זיכערהייט און ענווייראמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט סטאנדארטן. טרעפט א יעצטיגע ליסטע פון מעיפל פראדוצירער וועלכע זענען טייל פון דעם 'NYS-געוואקסן און סערטיפייד' פראגראם [דא](#).

**<u>מעיפל מארקעטינג</u>**
ניו יארק'ס Taste NY מארקעטס אריבער די סטעיט הייבן ארויס אייגנארטיגע לאקאלע מעיפל פראדוקטן און פראדוצירער דורכאויס דעם גאנצן חודש פון מערץ. עטליכע מארקעטס האבן ספעציעלע סעילס, אריינרעכענענדיג 20 פראצענט אראפ פאר אלע מעיפל און מעיפל-ענליכע פראדוקטן ביי די האדסאן וואלי | קעטסקילס וועלקאם צענטער, א סעיל אויף פענקעיק פרישטאגס פאר די גאנצע מאנאט ביי די פינגער לעיקס וועלקאם צענטער, ספעציעלע פראדוקטן אויספראוואון ביי די קאפיטעל ראיאן וועלקאם צענטער, און נאך. פאר א פולע ליסטע פון ספעציעלע מעיפל מארקעטינג באמיאונגען און געשעענישן אפגעהאלטן דורך Taste NY, באזוכט [דא](#).

**<u>אגריקולטורישע טוריזם אין ניו יארק סטעיט</u>**
אגריקולטורישע טוריזם געשעענישן ווי מעיפל וויקענדס און מעיפל חודש זענען א וויכטיגע טייל פון טוריזם אין ניו יארק סטעיט. גאווערנער האקול האט לעצטנס אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט האט אויפגענומען א רעקארד צאל פון 291.5 מיליאן באזיכער אין 2022, די גרעסטע צאל באזיכער אין ניו יארק סטעיט'ס היסטאריע, אויפטרייבנדיג מער פון 78.6 ביליאן דאלאר אין דירעקט אויסגעגעבענע געלטער און 123 ביליאן דאלאר אין סך הכל השפעה אויף די עקאנאמיע. די גאווערנער האט פארגעזעצט צו שטיצן סטעיט טוריזם דורך 'I LOVE NY' (איך האב ליב ניו יארק) מארקעטינג באמיאונגען צו מוטיגן מענטשן צו מאכן רייזעס ארום ניו יארק און דורך צענדליגע מיליאנען דאלארן אין דירעקטע שטיצע פאר טוריזם ארגאניזאציעס און זאלן מיט טוריזם-פארבינדענע מארקעטינג באמיאונגען און אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן.

**סטעיט אגריקולטור דעפארטמענט קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "מעיפל וויקענדס זענען א באגייסטערנדע צייט פאר אונזערע מעיפל פראדוצירער און פאר ניו יארקער, גיבנדיג א געלעגנהייט פאר אונזערע פראדוצירער זיך צו פארבינדן מיט קונדן און מיטטיילן מיט זיי זייער געשיכטע — וויאזוי זיי מאכן מעיפל סירופ, פארוואס זיי האבן ליב צו טוהן וואס זיי טוהען און נאך אזויפיל מער. איך מוטיג יעדן איינעם צו באזוכן א לאקאלע צוקער פראדוצירער נעבן זיי און פייערן אלעס ארום מעיפל, ניו יארק'ס ערשטע אגריקולטורישע שניט פון דעם סעזאן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "ניו יארק'ס ריזיגע נעטווארק פון מעיפּל פארמס און צוקער הייזער זענען קריטיש פאר די סטעיט'ס אגריקולטור און טוריזם עקאנאמיעס. מעיפל וויקענדס זענען א געוואלדיגע געלעגנהייט פאר איינוואוינער און באזיכער צו באקומען אן ערשטהאנטיגע ערפארונג פון מעיפּל פראדוקציע, אויספּרובירן אויסגעצייכנטע פראדוקטן און שטיצן די וויכטיגע אינדוסטריע אריבער די סטעיט."

**New York Maple Producers' Association עקזעקיוטיוו דירעקטארין, העלען טאמאס, האט געזאגט,** "די מעיפל פראדוצירער פון ניו יארק געניסן פון דעם פראצעדור פון מעיפל סירופ פראדוקציע און לאדענען אייך איין זיך צו באטייליגן אין דעם פראצעדור דורכאויס ניו יארק'ס מעיפּל וויקענדס. צאפט אויס א בוים; זייט טועם פון די זאפט אזוי ווי עס קומט ארויס גראד פון די בוים; אטעמט אריין די באצויבערנדע שמעק אזוי ווי די זאפט ווערט אויפגעקאכט צו ווערן סירופ; און אוודאי — זייט טועם פון די פארטיגע פראדוקט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן